„Radomer - Kielcer Leben" 24 (364) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאהרגאנג VIII-ער פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבן

היינט 8 זייטן.

Radom, dnia 19 Czerwca 1931 r.

ראדאם, פרייטאג, ד' תמוז תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

| | | | |
|---|---|---|---|
| איין מילימעטער שורה: | פארן טעקסט | 40 | גר. |
| „ | אין | 60 | „ |
| „ | נאכ'ן | 25 | „ |

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 „


# ROZKŁAD

## z jazdy komunikacji AUTOBUSOWO-KOLEJOWEJ

— na — LINJI **Radom-Grójec-Warszawa**
od dnia 15 Czerwca 1931 r.
Z Radomia do Warszawy (przez Grójec)
odchodzą: 6.48, 10.03, 12.20, 15.34 i 18.29.
Do Radomia przychodzą z Warszawy (przez Grójec)
o godz.: 11.28, 14.11, 17.00, 20.19 i 23.25
Cena biletu z Radomia do Warszawy wynosi Zł. 6

— na — LINJI **Warka-GÓRA KALWARJA-Warszawa**
od dnia 14 czerwca 1931 r.
Z Warki do Warszawy (przez Górę Kalwarję)
odchodzą: 6.10, 8.27, 10.14, 12.42, 15.47, i 19.03.
Do Warki przychodzą z Warszawy (przez Górę Kalwarję)
o godz.: 9.55, 11.17, 13.48, 16.43, 18.46 i 21.55.
Cena biletu z Warki do Warszawy wynosi Zł. 2.50.

## אכטונג בלאכאזשעס!

אָריגינעל ענגליש צין „Banka" 5 zł. 80 gr. א קלג.
הייך בליי 80 גראשען א קלג.
פערקויפט יעדען קוואנטום פון 25 דקג
**A. MARGULES**
Radom, Kozieniecka 6.
בעמערקונג: די פרייזען ווערען גאַטירט געגוי לויט דער מעטאַל-בערזע.

## בעקאנטמאכונג.

די דירעקציע פון די גימנאזיע פון די יודישע קהלה אין קיעלץ
(מיט רעגירונג'ס - רעכט)
מאַכט דערמיט בעקאַנט אַז די

### איינטריטס = עקזאמענס

פאר קאַנדידאַטען אין אלע קלאַסען האָבען זיך שוין אָנגעהויבען און וועלען דויערען ביז דעם 23.6 איינשליסליך.
די קאַנצעלאַריע פון די גימנאַזיע נעמט אָן איינשרייבונגען און ערטיילט אינפאָרמאַציעס טעגליך פון 14—9.

דירעקציע.

בעמערקונג: אין די פאָרבערייטונגס קלאַס A ווערען אָנגענומען קינדער וואָס קאָנען נישט לייענען און שרייבען. אין די 8-טע קלאַס ווערען אָנגענומען נאָר מיט א צייגניש פון נעענדיגטע 7 קלאַסען גימנאַזיע.

## ענגליש

איבערזעצונגען פון ענגליש
ענגלישע און פוילישע האנדעלס-קאָרעספאָנדענץ
פערשפקלאסיג — מייסטערהאפט
ראַדאַם, זשעראמסקי (לובלינער) 14, וו. 2
אין די שעהן 9—7 פריה אין אַוועגד.


יעקב!
אתך אנו בצערך הגדול למות
# אחיך
בהגשמת רעיוננו תמצאי נחומים
גדוד „רעים" ע"י הסתדרות „השומר הצעיר" ברדום

רחציה!
הננו מביעים בזה את השתתפותינו בצערך
למות עליך
# אביך
בעבודת בעד מטרתינו תמצאי נחומים.
קב „שלהבת" ע"י הסת. „השומר הצעיר" ברדום

## אויסבעסערונג

ווי מען טיילט אונז מיט, איז די זיצונג, וואס איז פארגעקומען אין גמינע אין צוזאמענהאנג מיט די געשעהענישען—נישט געווען אפיציעל. פריזעס מאגיל אייזמאן האט ביים עפנען די זיצונג ערקלערט, אז צוליב דעם, וואס דער ראט איז נאך נישט באשטעטיגט און נאך נישט אריין אין זיין רעכטליכער פאזע טראגט די זיצונג דעם כאראקטער פון א פערזאמלונג פון די יודישע בירגער אין ראדאם. צוזאמען מיט די פרנסים, וועלכע זענען געקומען זיך בעראטען וועגען א זעהר ערנסטען און וויכטיגען ענין.

לויט די געגעבענע אויפקלערונגען אין די אנגענומענע רעזאלוציע, וועגען וועלכע מיר שרייבען אויפ'ן פריהערדיגען עמוד, איז נישט געווען קיין אפיציעלע, וואס אנדערע רעזאלוציעס, וואס די גמינע נעמט אן בעת איהר רעכטליכער און אפיציעלער אמטירונג.




# קעלצער אבטיילונג.

## צי וועט קעלץ גלייכגילטיג דערלאזען צו דער ליקווידירונג פון דער וואיעוואדזטווע?

די אינאויפהערליכע, זייט א יאהר קירסירענדע, קלאנגען, אז די קעלצער וואיעוואדזטווע וועט ליקווידירט ווערען, האבען זיך, ליידער, היינטיגע וואך בעשטעטיגט. די גאנצע ווארשאווער פוילישע און יודישע פרעסע האט מיטוואך געדרוקט אפיציעלע קאמוניקאטען, אז עס איז שוין ענדגילטיג בעשלאסען געווארען דורך דער רעגירונג צו ליקווידירען 5 וואיעוואדזשאפטען צווישען וועלכע עס געפינט זיך אויך די קעלצער. אמת, דער ראזיגער בעשלוס ברויך האבען די הסכמה פון סיים, אבער עס איז שווער צו גלויבען, אז עס קאן נאך קומען עפיס א ענדערונג אין דער זאך.

כל זמן אבער עס איז נאך צייט טארען מיר נישט שווייגען. עס דראהט א ווירטשאפטליכע קאטאסטראפע דעם גאנצען קעלצער סוחר'טום און האנדווערקערטום. מען מוז אנהויבען א ברייטע אקציע און אנווענדען אלע מעגליכקייטען, אז די שטאדט זאל נישט דערפון ליידען.

די רעגירונג ברויך געדענקען, אז אמת טאקי דורך דער ליקווידירונג פון דער וואיעוואדזטווע וועלען רעדוצירט ווערען די אלגעמיינע הכנסות מיט א גרויסע סומע אבער דורך דעם וועט דאך די שטאדט פעראָרימט ווערען פיעלפאך מעהר און עס וועט ברענגען צו א רואין פון האנדעל און האנדווערקעריי, וואס זענען די איינציגע פרנסה-צווייגען פאר קעלץ.

## שטאדטישע אויטאבוסען אין קעלץ

צוליב'ן מאנגעל פון שטאדטישע קאמוניקאציע מיטלען האט דער קעלצער מאגיסטראט לעצטענס בעשלאסען איינצופיהרען א נעץ פון אויטאבוסען וואס זאלען קורסירען אין אלע גאסען און גרעניצען פון דער שטאדט.

דער מאגיסטראט האט געפרובט אויפצובויען א טראמוויי-ליניע, אבער צוליב די ענגע גאסען, וואס זענען אין קעלץ איז דאס געווען אונמעגליך.

די אויטאבוסען ליניע ווערט איבערגעגעבען אין ארענדע.

## די קרן-היסוד אקציע
### אין קעלץ.

די היי-יעהריגע קרן-היסוד אקציע, וואס איז אנגעפיהרט געווארען דורך רעד. נ. גערבאווסקי פון ווילנא און ש. זשוכאוויצקי האט געהאט גרויס ערפאלג. טראץ דעם שווערען עקאנאמישען קריזיס, איז דאס נאציאנאלע יודישע קיעלץ געבליבען טריי איהר טראדיציע און געשיצט, דעם איינציגען פאנד פאר'ן אויפבוי פון אונזער לאנד.

די צאהל דעקלעראציעס איז איבערגעשטיגען די פאריאהריגע, אויך די אלגעמיינע זאמלונג'ס-סומע האט זיך בעדייטענד געהעכערט. דעם דאנקען עפילאג איז צו פערדאנקען די דערמאנטע השוב'ע געסט, בעזונדערס ה' גערבאווסקי, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע הארציגע רעדעס און ענערגישע טעטיגקייט.

די גרעסטע צאהל דעקלאראציעס האבען געזאמעלט די ה"ה מ. ראטענבערג און י. אלטער.




## דער בעזוך פון אלעקסאנדערער רבי'ן.

דורך דער צייט פון אלעקסאנדערער רבי'נס ווייל'ען אין קעלץ, איז די שטאדט פערוואנדעלט געווארען אין א פראחיזארישע גרויסע חסידישע רעזידענץ. פון דער גאנצער וואיעוואדזטווע זענען אנגעקומען טויזענטער חסידים און רבנים.

צוזאמען מיט'ן רבי'ן האבען אויך דא געוויילט זיינע ברודער און נאהענטסטע מקורבים.

די פייערליכקייטען זענען אויסגעפאלען זעהר אימפאזאנט. שבת האט דער רבי געדאווענט אין דער שטאדטישער שוהל, ביים צוריקגעהן פון דער שוהל. האט איהם בעגלייט א עולם פון א פאר טויזענט מענשען וואס האבען איבערפולט די ניי-ווארשאוער גאס און דעם מארק,

בעת'ן ווייל'ען אין קיעלץ האט דער אלעקסאנדערער רבי בעזוכט דעם קעלצער רב און דעם פילצער רב, וועלכער איז איינגעשטאנען ביי ה' מיכל הארבערג.

די דערמאנטע רבנים האבען פריהער געמאכט א וויזיט ביים רבי'ן און דער רבי האט זיי רעוויזיטירט.

מאנטאג 10 א זייגער איז דער רבי אבגעפאהרען פון קיעלץ. ביים צוג האט זיך פערזאמעלט א גרויסער עולם, וואס איז געקומען זיך געזעגנען. פאר'ן אבגעהן פון צוג האט דער עולם געמאכט א טאנץ און געזונגען פערשידענע חסידישע ליעדער.

## פון די יודישע גימנאזיע.

א דאנק די הארמאנישע צוזאמענארבייט פון די פערוואלטונג פון איין זייט וועלכט ארבייט אונערמידליך אין די היינטיגע שווערע צייטען אויסצוהאלטען די גימנאזיע פינאנסיעל און נישט צו צולאזען צו קיין וואקלעגישען. און פון די דירעקציע פון די גימנאזיע און די פראפעסארען פון דער צווייטער זייט וועלכע טוהן אלעס, דאס די גימנאזיע זאל שטעהן אויף דער געהעריגע הויך פעדאגאגיש — זענען די היי-יעהריגע מאטורעל-עקזאמענס הן פון די העברעאישע לימודים (אונטער'ן פארזיץ פון ה' ד"ר ווייס) הן פון די אלגעמיינע לימודים (אונטער'ן פארזיץ פון וויזיטאטאר פון קראקאווער קוראטאריום ה' בזאזאווסקי) אויסגעפאלען גלענצענד.

דער רעזולטאט פון די עקזאמענס האט ארויסגערופען אין שטאדט גרויס צופרידענהייט ביי אלע שיכטען פון די יודישע בעפעלקערונג.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פרוי **ניחא ווערבער** מיט איהרע קינדער, ווי אויך דעם פאטער אונזער פריינד און מתפלל

**יוסף מאיר ווערבער** און שוועסטער און ברידער

צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער יונג-פערשטארבענעם

זוהן, מאן און ברודער **דניאל נ. ע.**

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**חברה „חיי-אדם" אין ראדאם**

און די מיטגלידער פון דער פערוואלטונג:

מאטעל אפאטאווסקי, יוסף שווארצבערג, יחיאל גאלדבערג, ישראל קלינגער, בעריל בירענבוים.

## אײדער הויבּסט אן צו בויען

אָדער דורכפיהרען א רעמאָנט אין דיין הויז, מאַך א בעזוך אין אונזער טאַרטאַק, וואו דו וועסט זיך איבערצייגען וועגען דער בּיליגקייט פון אונזערע האָלץ - מאַטעריאַלען און דו וועסט בּלייבּען אונזער קליענט

מיר ערפילן קרעדיט

# RADOMSKI TARTAK

sp. z ogr. odp.

**RADOM, ul. Młodzianowska, tel. 454**

נעבּען דער רעגירונג'ס-פאַבּריק פון געוועהר.

די בּיליגסטע האלץ-מאטעריאלען

אויף קרעדיט-בּעדינגונגען.

[illegible]

**מיר שטעלען צו און פערקויפען** אויף אנגרא (איינצעל) אויף די צוגענגליכסטע פרייזען אלע האָלץ-מאַטעריאַלען, וואָס ווערען בּענוצט צו בּוי-צוועקען, ווי סטאָליארסקע מאַטעריאַל, שטאַכעטען, זייטען-בּרעטער צו פאַרקאַנעס און אָבּפאַל פון צעשניטענעם האָלץ.

מיר נעמען אָן קלאָטץ-האָלץ אויף איבּערצוזעגען.

**אָפּערטען שיקען מיר ארויס אויף יעדער פאָדערונג.**

**קיין אייגענע סקלאַדעס אין שטאָדט בּעזיצען מיר נישט.**

מיט בּעשטעלונגען בּעט מען זיך צו ווענדען דירעקט אין טאַרטאַק.

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
אונזער שוועגערין און שוועסטער
**צאָטעל און קינדער**
צוליבּ'ן טוידט פון זייער פריהצייטיג-פערשטאָרבּענעם
מאַן און פאָטער
## יהושע בּורשטיין נ. ע. (מאָנטרעאל)
זאָלען זיי זיין געטרייסט און נישט וויסען מעהר פון קיין צער
**הערשיל קאפּלאן** עט **פּרוי** און קינדער.

---

## GARBATKA PENSJONAT L. Rozenbergowej

DLA DZIECI i MŁODZIEŻY.

Pięknie i w centrum położona willa, światło elektryczne. Słoneczne i śliczne pokoje z całodziennem utrzymaniem. Smaczna wykwintna kuchnia rytualna, na żądanie jarska. — Troskliwa opieka pod kierunkiem wykwalifikowanej wychowawczyni.

**Otwarcie pensjonatu dnia 1-go Maja 1931 r.**

Przez miesiące MJ, CZERWIEC pokoje dla dorosłych.

Ceny przystępne.

---

בּעקאַנטמאַכונג.

זונטאָג דעם 21-טען ה. ח. קומט פאָר אין דעם **חבֿרה-קדישא**

## א אַלגעמיינע פערזאַמלונג

דער ערשטער טערמין איז 5 נ. מ. דער צווייטער טערמין איז 9 אין זעלבּען טאָג בּיי יעדער צאָהל מיטגלידער.

**די פערוואַלטונג.**

---

מיר לעבּען איבּער דעם גרויסען צער, וואָס האָט געטראָפען
אונזער שכנ'טע **ניחא** צום טוידט פון איהר יונג-פערשטאָרבּענעם מאַן

## דניאל ווערבּער נ. ע.

זאָל איהר טרייסט זיין די איבּערגעבּליבּענע געליבּטע קינדערלעך.

שכנים **ראַבּינאָוויטש, בּלייוואָס.**

---

Poważna Fabryka manufaktury bawełnianej

**זוכט א פאָרשטעהער**

אויף קעלץ און אומגעגענד. ס'איז נויטיג ער זאָל זיין גוט בּעקאַנט אין דער בּראַנזשע און אויף די מערק ווי אויך פערזיכערונג.

Oferty sub. „ABC" do Tow. Rek. Miedz. J. r. Rudolf Mosse,

Warszawa, Marszałkowska 124.

---

## יודען! דאַרפט מען נאָר פאַר קונים.

שבּת דעם 13-טען ה. ח. אוועקנד בּעת דער מהומה אויף דער לובּלינער גאַס בּין איך מיט מיין חבר יעקב שטערן בּעפאַלען געוואָרען דורך א גרופּע כוליגאַנעס וועלכע האָבּען אונז שטאַרק צושלאָגען. מורא האָבּענדיג פאַר ווייטערדיגע קלעפּ האָבּען מיר געוואָלט אריינלויפען אין דער דערנעבּעדיגער צוקערניע „אודז אלאָווע". דער אייגענטימער ה' גראָמסקי ווי אויך עטליכע קעלנער וועלכע זענען גראָד געשטאַנען אויף די טרעפּ בּייב איינגאַנג און געווען עדות פון די „בּעריהמטע" מעשים פון די „איידעלע העלדען" האָבּען געפּינען פאַר נויטיג אין דעם מאָמענט אונז דעם וועג צו פערשטעלען און נישט אריינלאָזען.

**הירש קופּערוואַסער, יעקב שטערן.**

---

— די — שענסטע

## טאַפּעטען

צו זעהר בּיליגע פרייזען קען מען נור בּעקומען

אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע

## ש. שטיינמאַן

ראַדאָם, לובּלינער 21.

---

## זאָל די עפענטליכקייט וויסען!

איך געפין פאַר נויטיג צו פערעפענטליכען פאָלגענדע מעשים וועלכע אילוסטרירען דעם מאָראַלישען ניוואָ פון דער היינטיגער שטודירענדע יודישע יוגענד; ווי בּעוואוסט פאָדערען נישט די יורי-סטודיעס קיין שטענדיגע אנוועזענהייט אויף דער אוניווערסיטעט, נאָר מען בּעגנוגענט זיך מיט צופאָהרען צו די וויכטיגסטע פאָרטראַגען און עקזאַמענס. אויך אין ראַדאָם געפונט זיך א גרופּע סטודענטען פון לעצטען יאָהר יורי, צו וועלכער איך האָבּ געהערט, וועלכע האָט זיך אויפען איבּערדערמאָנטען אופן פאָרבּערייטעט צום לעצטען דעצידירענדען עקזאַמען.

אין לויפענדען אקאַדעמישען יאָהר זענען פערהאַן א חוץ די לעהרבּיכער אויך צוגאָבּ-נאָטיצען פון די פאָרטראַגען פון אוניווערסיטעט'ס פּראָפעסאָרען. לערנענדיג זיך בּין איך געווען אין א שטענדיגען קאָנטאַקט מיט די חברים-סטודענטען: **לייבּ גורפינקעל** און **עזריאל אָפּאָטאָווסקי**. די אויבּערדערמאָנטע הערדען האָבּען בּעקומען פון אונזער א וואַרשאַווער חבר צוגאָבּ-נאָטיצען, וועגען וועלכע, זיי האָבּען בּיים געגענזייטיגען איבּערפרעגען זיך דעם דורכגעאַרבּייטען מאַטעריאַל — מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט. אריינקומענדיג איינמאָהל אין צימער פון ה' גורפינקעל האָבּ איך בּעמערקט, ווי דער, האָט שנעל בּעהאַלטען א פּאַק נאָטיצען אין בּעט אריין, און איך האָבּ נישט פאַרגעפיהלט וואָס קומט דאָ אזוינס פאָר. א פּאָר טעג פאַר מיין עגזאַמען זענען צו מיר געקומען די ה"ה: גורפינקעל און אָפּאָטאָווסקי, וועלכע האָבּען מיר אַלס „גוטע חברים" געראָטען נישט צו פאָהרען א פּאָר טעג פאַר'ן עקזאַמען קיין וואַרשא, כדי מיין געזונד זאָל נישט ליידען פון דער דענערווירונג פאַר דער פּראָפונג. איצט פערשטעה איך שוין אז די כוונה פון מיינע „גוטע פריינד" איז בּעשטאַנען אין דעם, אז איך זאָל מיך נישט קאָנען בּיי די חברים אין וואַרשא דערוויסען וועגען די צוגאָבּ-נאָטיצען, קומענדיג אין לעצטען טאָג קיין וואַרשא. בּעקומענדיג אייסשליסליך פראַגען פון די אויבּערדערמאָנטע נאָטיצען בּין איך בּיי דער פּראָפונג דורכגעפאַלען און דאָס האָט גורם געווען אז איך זאָל האָבּען א פערלוסט פון א יאָהר צייט.

איך שרייבּ די שורות, כדי די עפענטליכע מיינונג, זאָל זיך דערוויסען וועגען דער מאָראַלישער צעפוילטקייט און די נידערטרעכטיגע האַנדלונג פון די צוקונפטיגע „עליטע" פון דער געזעלשאַפט. דעם אויבּערדערמאָנטען סקאַנדאַליעזען ענין גיבּ איך איבּער אין חברים-געריכט בּיים אקאַדעמישען-קרייז אין ראַדאָם.

מיט אַכטונג

## שמשון פריד

סטודענט יורי. — ראַדאָם.

16—75

---

**א בּעקוועהם אָרט צו שלאָפען פאַר 2 פערזאָן**

בּיי קרישטאַל

*KIELCE, Nowowarszawska № 7*

---

**Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 Szczepienie ospy.**

Redaktor Ch. M Herc

Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20